וויפל זי האָט זיך פאַרהערלעכט און געלאָזט וואויל־
גיין, אויף אַזויפיל זאָלט איר איר געבן ליידן און
פּיין; ווייל אין איר האַרץ זאָגט זי: איך טראָן אַ
קעניגין, און בין נישט קיין אלמנה, און טרויער
8 וועל איך אויף קיין פאַל נישט זעען. דעריבער אין
איין טאָג וועלן זיי קומען, די מכות אירע, דער
טויט און פּיין און הונגער; און זי וועט פאַר־
ברענט ווערן אין פייער; ווייל שטאַרק איז דער האַר
9 ג־ט, וועלכער משפט זי. און וויינען און קלאָגן
וועלן איבער איר די מלכים פון דער ערד, וועלכע
האָבן מיט איר מזנה געווען און זיך געלאָזט וואויל־
גיין, ווען זיי וועלן קוקן אויף דעם רויך פון איר
10 פייער; פונדערווייטנס וועלן זיי בלייבן שטיין צוליב
דער מורא פון אירע ליידן, און וועלן זאָגן: וויי, וויי,
די שטאָט די גרויסע, בבל, די שטאָט די שטאַרקע!
11 מחמת אין איין שעה איז איר משפט געקומען. און
די סוחרים פון דער ערד וויינען און קלאָגן איבער
איר, ווייל קיינער קויפט נישט מער זייער סחורה;
12 סחורה פון גאָלד און פון זילבער און פון טייערע
שטיינער און פון פּערל און פון פיינע ליווונט און
פון פורפור און פון זיידנס און פון שאַרלאַך, און
יעדעס שמעקעדיקע האָלץ און כלערליי כלים פון
העלפאַנטביין און אַלע געפעסן פון קאָסטבאַר האָלץ
13 און פון קופער און אייזן און מאַרמאָרשטיין, און
צימערינג און באַלזאַם און רויך־געווירצן און מירע
און ווייַרויך און וויין און בוימל און זעמלמעל און
ווייץ און לאַסט־בהמות און שאָף, און פערד און
14 וועגנס, און שקלאַפן און מענטשלעכע נפשות. און
דאָס אויבסט, וואָס דיין זעל האָט געגלוסט, איז
אַוועק פון דיר, און איטלעכע פּראַכט און גלאַנץ
איז דיר פאַרלוירן געגאַנגען, און מען וועט זיי